# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן

פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

גיליון נ"א פרשת מטות מסעי - תש"פ


## מטות / דיבורים צום באשעפער און דיבורים צווישן מענטשן

אין פרשת מטות טרעפן מיר זייער א אינטרעסאנטע סוגיא. אנהויב איז דא די גאנצע פרשה פון נדרים, אזוי אויך, צום ענדע פון די פרשה טרעפן מיר נאך א ענין פון דיבור, דער תנאי פון בני ראובן וואס איז אויסגענומען אויף אלע אופנים. וואס תנאי איז אויכעט א ענין פון דיבור.

### נדרים און תנאי בני גד ובני ראובן

אבער מיר טרעפן דא א זאך וואס קוקט אויס א זאך און א פארקערטע זאך. דבר והיפוכו. ביי נדרים טרעפן מיר אז אפילו מיט א רמז קען חל זיין א נדר ווי צ.ב.ש. אז ס'פארשטייט זיך צווישן זיינע ווערטער אז ער מיינט א נדר כאפט דער נדר. עד כדי כך אז ס'שטייען 10 מענטשן און איינער זאגט א נדר און דער אנדערער זאגט: ואני! און נאך אים זאגט דער קומענדיגער: ואני! א.א.וו. איז דער נדר חל אויכעט אויף דער צענטער (נזיר כ, ב). - אזוי אויך טרעפן מיר ביי נדרים (נדרים מט, א; רמב"ם נדרים ט, א) הלך אחר לשון בני אדם, טאמער א מענטש זאגט א ווארט וואס ס'פארשטייט זיך אין דעם ארט ווערט עס א נדר, ס'כאפט.

לעומת דעם זעהט מען אז בני גד און בני ראובן גייט פונקט פארקערט. טאמער וועסטו נישט ארויסזאגן קלאר דיינע אלע צדדים פון דעם תנאי, אזוי ווי מיר טרעפן אין שו"ע (אהע"ז סי' לח סעי' ב), און מ'וועט קענען צושפאלטן דיינע ווערטער, און טענה'ען: האסט טאקע געזאגט אזוי, אבער ווער זאגט אז אין א אופן וואס איז אביסל אנדערש דארף מען אויכעט מקיים די ווערטער? קען דער מענטש צוריק ציען און מבטל זיין זיינע ווערטער, און צוריק ציען פון דעם עסק. ס'איז דא א דין אז ווען מ'מאכט א עסק דארף דאס זיין מפורט, אז ס'איז נישט מפורט קען יענער צוריק ציען. ס'איז נישט 'מכלל הן אתה שומע לאו', ס'דארף זיין מפורט,סיי דער הן מיט דער לאו, אלס דארף זיין מפורט.

וואס טוהט זיך דא?

### נדר - לה'

נאר דער חילוק איז זייער א פשוט'ער און א יסודי'שער. נדרים ווי דער רמב"ן שטעלט זיך אוועק איז דער ענין נדר לה'. ווייל דער עצם מושג נדר, ווען די תורה איז נישט מגלה אז ס'איז דא אזא זאך נדר, וואלט א מענטש געקענט זאגן: 'איך האב געזאגט - און איך בין נישט מחויב צו מקיים זיין', אפשר אלץ מענטשלעכקייט, די גוים וואלטן געקענט מאכן א חוק, אזא הסכם ס'זאל קענען שטיין די וועלט, וואלט געווען קנסות טאמער איינער איז נישט מקיים וואס ער רעדט. אבער אז די תורה איז דאס וואס איז מחייב צו שטיין אין דיין ווארט, איז טאקע נדר לה'. - און אויב אזוי, אז מ'רעדט פונעם אויבערשטן, און ער איז א יודע מחשבות, און אפילו א מענטש וואס וויל צוריק ציען ווייל ער האט נישט ארויס געזאגט אזוי קלאר, אבער דער אויבערשטער ווייסט דאך וואס ער האט געמיינט, און וועגן דעם ביי נדרים - וואס ווי געזאגט איז לה' - דארפסטו מקיים זיין וואס דו האסט געמיינט. נדרים איז בין אדם למקום איז אלעס וואס מ'רעדט דא לגבוה דארף מען מקיים זיין.

בין אדם לחבירו איז נישט קיין ענין פון נדרים. אפילו אז מיר טרעפן אז חז"ל האבן הארב זיך אויסגערוגט אויף איינער וואס איז אינו עומד בדיבורו (עיי' חושן משפט סי' רד סעי' ד), ס'איז דא אפילו וואס חז"ל לייגן אים אריין אין א מצב וואס איך וויל נישט ארויס זאגן... פארוואס? וויל ער איז א מענטש וואס איז אינו עומד בדיבורו. אבער נישט ווייל דאס גייט אריין אין נדר, ס'האט נישט מיט נדר. אינו עומד בדיבורו איז אין ממונות א צווייטע זאך בין אדם לחבירו. נדרים האט מיט בין אדם למקום.

ממילא, בין אדם למקום, דער אויבערשטער ווייסט זייער גוט וואס דו האסט געמיינט, דו קענסט נישט צוריק ציען ווייל דו האסט נישט ארויסגעזאגט פונקט די ווערטער. לעומת זה, תנאי בני גד ובני ראובן - איז אין ממונות. מ'האנדלט. אז מ'האנדלט, איז דארף זיין מפורש וואס מ'האט געהאנדלט. און ווען נישט קענסטו טאקע צוריק ציען ווייל דו האסט נישט מפרש געווען.

### דיין רעדן צו מענטשן - זאל זיין קלאר

וואס איז דאס אונז נוגע למעשה?

ס'דא א באוואוסטער מדרש שיר השירים (שיר השירים רבה פרשה ב, ד"ה הביאני), אויפן פסוק (שה"ש ב, ד) ודגלו עלי אהבה, אל תקרי ודגלו אלא ולגלוגו, אפילו ווען איינער דאוונט משובש, איז דער אויבערשטער מקבל די תפילה. ווייל ער ווייסט וואס דו האסט געוואלט, אפילו האסט נישט געקענט ארויסזאגן קלאר דיין תפילה.

אבער בין אדם לחבירו - ווען א טאטן רעדט צו א קינד, א מחנך רעדט צו א קינד, ארויסזאגן ביזן סוף. קלאר. נישט זיך

פארלאזן אז ער וועט פארשטיין אינגאנצן. ריכטיג לגבי בין אדם למקום איז דא א פסוק פון שלמה המלך (קהלת ה, א) אל תבהל על פיך, ולבך אל ימהר להוציא דבר לפני האלקים, כי האלקים בשמים ואתה על הארץ על כן יהיו דבריך מעטים.

אז דער יסוד איז, אז דו רעדסט צום אויבערשטן טראכט פון וואס דו רעדסט, זיי מכבד. ווייל דער אויבערשטער ווייסט וואס דו טראכסט. און לעומת זאת אפילו וועסט נישט ארויסזאגן קלאר אבער ס'וועט זיין קלאר פארן אויבערשטן, תפילה ווערט אנגענומען, דיינע דיבורים זענען ערנסט, גיב אכטונג ווען דו רעדסט צום אויבערשטן.

אז דו רעדסט צו מענטשן, פאר א קינד, פאר א תלמיד, זאלסטו ארויסזאגן, ווייל וואס דו מיינסט אז ער וועט פארשטיין דבר מתוך דבר, אדער מכלל הן אתה שומע לאו, אדער מכלל לאו אתה שומע הן. ס'מוז נישט זיין אז ס'וועט פאסירן.

קומט אויס, די ערשטע זאך - דער דיבור זייער א טייערע זאך. נאר ס'איז דא סארט דיבורים, בין אדם למקום האט איין סארט מהלך, בין אדם לחבירו דארף זיין אלעמאל ארויסעזאגט קלאר, געשמאק און דייטלעך, אזוי וועט נישט ווערן קיין מכשול.

(ס'דא אבער אופנים וואס ס'איז נישט אזוי וויכטיג ווי צ.ב.ש. ביי א תנאים, דארף נישט זיין באמת ארויסגעשריבן אויף אלע זייטן ווייל ס'איז דא אזא זאך דברים הנקנים באמירה (כתובות קב, א), ס'ווערט דער קיום מיט די דברים אליין ווערט שוין דער קיום. מ'דארף נישט צוקומען צו א תנאי א.א.וו. ס'איז נקנה בדיבור בעלמא. אבער נארמאל דארף מען רעדן קלאר ביזן סוף).

דער אויבערשטער זאל העלפן אונז זאלן רעדן צום אויבערשטןביים דאווענען קלאר, און אלעמאל זיין קלאר, אין לערנען. און בפרט ווען מ'גיט איבער פאר א תלמיד אדער פאר א קינד אדער פאר יעדער מאל ווען מ'דארף איבערגעבן פאר א צווייטן זאל מען עס איבערגעבן קלאר זאל נישט ארויסקומען קיין מכשול.

# פרשת מסעי / מ"ב מסעות - נישט ווייסנדיג

ס'איז ידוע פון ספרים (עיי' דגל מחנה אפרים ריש פרשתן בשם זקינו הבעש"ט הק' זיע"א) אז יעדער איד גייט דורך אין זיין לעבן די מ"ב מסעות.

(במאמר מוסגר, דער ערשטער מסע איז דאך יציאת מצרים. אונז זאגן יעדן טאג ביים דאווענען שירה א.א.וו. ווייל ווען מ'קומט אויף די וועלט און יעדע אינדערפרי גייט מען אריין אין א וועלט, די וועלט איז אזוי ווי א מצרים. ס'נעמט ארום דעם מענטש, דער עולם הזה, ער ווערט דארט איינגעשלונגען. אבער אריינגייענדיג אין שול איז א בחינת יציאת מצרים, ער גייט ארויס פון דעם עולם הזה. אויב אזוי? ביי יציאת מצרים זאגט מען שירה! וועגן דעם זאגט מען שירה יעדן טאג. דאס איז בדרך מליצה).

אבער, אונז דארפן וויסן א דבר פלא, און דאס וועט אונז זייער עפענען א בליק.

### מסעות אדער חניות?

למעשה דארף מען פארשטיין פארוואס ווערט אנגערופן די מ"ב מסעות און נישט מ"ב חניות. ס'שטייט דאך אין פסוק - "ויסעו - ויחנו" אז מ'איז געגאנגען פון דא און מ'האט חונה געווען דא. וואלט געדארפט ווערן אנגערופן אפשר חניות, נישט מסעות.

נאך ווערט געפרעגט דער עיקר פון די שאלה: ווען מ'איז געגאנגען פון איין פלאץ צום צווייטן איז מען דורך געגאנגען 5-6 פלעצער, אויב נישט 10 און אמאל 15. פארוואס ווערט נישט גערעכנט, מ'רעדט בכלל נישט פון די בערג וואס מ'איז אריבער. - ריכטיג עמוד הענן האט אויסגעגלייכט די בערג, אבער מ'איז דאך געווען אין די אלע פלעצער - א וואו זענען די אלע פלעצער דערמאנט?

### "איך ווייס נישט!"

נאר באמת וועט מען צורירן א יסודי'שע נקודה. אמאל זענען צוויי לאגער אידן, וואס זענען אריבער די לאגער, און האבן נישט געהאט קיין ברידערס און נישט קיין נישט שוועסטערס, נישט קרובים, זיי האבן נאר געהאט חברים. איין איד וואס האט געהאלטן פארן חתונה מאכן זיין ערשטן קינד געפרעגט זיין חבר וואס האט שוין חתונה געמאכט צוויי קינדער: ווי אזוי האסטו חתונה געמאכט? האט אים דער חבר געענטפערט: איך ווייס נישט. איז דער איד געווארן זייער באליידיגט און גאזאגט: איך האב דאך נישט קיין שום קרוב, דו ביסט מיין איינציגסטער חבר און זאגסט מיר איך ווייס נישט. דער איד האט נישט גערעדט מיט אים צוויי-דריי חדשים. יענער האט חתונה געמאכט, א חודש נאכדעם איז צוגעגאנגען דער איד צו דער וואס האט יעצט חתונה געמאכט דעם ערשטן קינד און פרעגט אים: נו ווי אזוי האסטו חתונה געמאכט? זאגט ער: איך ווייס נישט! האט דער איד זיך געכאפט און געזאגט: אוי! פארוואס האב איך נישט גערעדט מיט דיר אפאר חדשים? דו האסט דאך אזוי רעכט געהאט אז מ'ווייסט נישט!.

אסאך מערער ווייסט א מענטש נישט אין זיין לעבן וויפיל ער ווייסט יא. אונז זענען צוגעוואוינט א מענטש האט מ"ב חניות. ער האט דאס מיט געמאכט, ער האט יענס מיט געמאכט. אבער א וואו איז ער געווען ביי די מסעות דאס קען ער נישט. א איד וועט זיך אוועק זעצן ביי 40 יאר און וועלן מאכן א חשבון ווי אזוי האט ער געהאט געלט צו לעבן ביז היינט וועט נישט קענען מאכן א חשבון. ווי אזוי איז ער דאס אריבער, ווי אזוי איז ער יענס אריבער, ער ווייסט נישט. רוב תשובות וועט זיין ער ווייסט נישט. ווייל דאס איז צווישן איין מסע מיט די צווייטע, דאס זעהט מען נישט און דאס ווייסט מען נישט.

### די פרעזענדליכע מ״ב מסעות - אומוויסנדיג

די אמת׳ע מ״ב מסעות פון א מענטש, איז די מסעות, נישט די חניות, די חניות געדענקט ער. אבער וואס איז געווען ביי די מסעות צווישן די ליכט פון אינמיטן דאס ווייסט ער נישט צו זאגן. רוב לעבן וועט ער נישט קענען זאגן.

א איד דארף וויסן, אז זיינע אלע בלבולים, און די אלע צייטן וואס ער קען נישט אנטאפן, ער ווייסט נישט וואס קומט דא יעצט פאר, דאס איז זיינע מ״ב מסעות. ס׳איז באוואוסט די גמרא (מגילה יב, ב) אז די סנהדרין האבן געזאגט פאר אחשוורוש אז זיי קענען נישט דן זיין וועגן ושתי ווייל זיי זענען נישט אויפן פלאץ. א מענטש ווען ער איז אויף זיין פלאץ קען ער דן זיין, אונטער וועגן׳ס קען א מענטש נישט דן זיין.

ווען א מענטש זעהט די אלע דורכגענגען וואס ער גייט און ער ווייסט שוין אפילו נישט וואס טוהט זיך, דאס איז א אנווייזונג פאר אים אז יעצט זענען די מסעות. יעצט זעהסטו טאקע נישט - דאס איז דיינע מ״ב מסעות אין דיין לעבן.

איז פון דעם ווערט געבויעט דער גאנצער לעבן. דאס איז דער בנין החיים. נישט דיינע חניות, וואס דו ווייסט וואס ס׳טוהט זיך, דו שטייסט אויפן פלאץ. מ׳רעדט פון מסעות. דאס בויעט דעם לעבן.

פון דעם וועט מען אויכעט פארשטיין, איינע פון די מסעות איז ויחנו במרה. און מ׳דארף פארשטיין, ס׳איז דאך געווארן זיס די וואסער. ידוע דער חובת הלבבות וואס זאגט פארוואס ר״ל דער אויבערשטער האט געמאכט קרענק אויף די וועלט? כדי מ׳זאל וויסן צו דאנקען אויף ווען מ׳איז נישט קראנק, אויף וואס ס׳איז יא געזונט, א.ד.ג. מ׳גייט נישט זאגן ׳ויחנו׳ א פלאץ וואס איז געווארן זיס די וואסער. ניין! מרה! מרה - דאס איז א חלק אין מסעות. דאס איז מבטא די מסעות. די געלונגענע זאכן האט נישט אזעלכע גרויסע שייכות צו מסעות. מסעות איז ווען ס׳קלאפט נישט און מ׳ווייסט נישט און ווען דאס איז ׳נישט׳... פון דעם ווערט די ענין פון מסעות.

### למעשה

היוצא מדברינו למעשה, א איד דארף וויסן, אז זיין לעבן איז געבויעט פון מ״ב מסעות. און דער עיקר איז די מסעות ווען ער ווייסט נישט, און די אלע זאכן, קען ער מאכן א גאנצער ספר וויפיל זאכן ער האט נישט פארשטאנען און נישט געראכטן און נאר נאכדעם האט ער געזעהן - אה! א מינוט, איך בין אריבער אזא כברת דרך, וואס איז געווען דא? איך ווייס טאקע נישט. פרעגט מען אים ווי, ווי איז געגאנגען די זאך? וואס האסטו? ווי ביסטו אנגעקומען, וואס? אלעס פירט זיך פון הימל.

דער אויבערשטער זאל אונז טאקע העלפן, פרשת מסעי פארמאכט מען דער חומש במדבר און מ׳גייט צום חומש דברים. מ׳גייט צו דברים, דער פארמאכן, דער ענדיגן דעם מדבר ענדיגט זיך די מסעות און מ׳גייט אריין אין ארץ ישראל. דארטן קומט מען אל המנוחה ואל הנחלה, הייבט זיך אן ווייטער א מלחמה פון איינעמען.

זאל דער אויבערשטער העלפן אונז זאלן דורכגיין די מסעות ווי ס׳דארף צו זיין, און געדענקען אז כי ענן ה׳ עליהם יומם ואש תהיה לילה בו לעיני כל בית ישראל בכל מסעיהם (שמות מ, לח), ס׳איז דא א בחינת ענן, ס׳איז דא א בחינת אש, אזוי וועסטו קענען דורכגיין דעם גאנצן לעבן מיטן באשעפער צוזאמען.

# לוחות און שברי לוחות היינטיגע צייטן

אונז שטייען יעצט אין די טעג פון דריי מאל פערציג טעג וואס טוהט זיך ארום דער נושא פון לוחות. פון ז׳ סיון ביז שבעה-עשר בתמוז איז געווען די קבלה פון די ערשטע גאנג לוחות. שפעטער איז געווען 40 טעג פון א מצב פון שברי לוחות, שפעטער איז געווען 40 טעג פון קבלת לוחות שניות.

### כתבם על לוח לבך

וואס איז דאס לוחות? און וואס איז דער עניין פון לוחות וואס איז נוגע ביי אונז היינט למעשה?

דער טייטש פון א לוח איז דער טייטש א גרויסער טאוול. א טאוול וואס ס׳שטייט אויף דעם ווערטער און דער טאוול רעדט צו דעם מענטש. ווען ס׳שטייט נישט אויפן טאוול גארנישט דינט דאך נישט דער טאוול אויף גארנישט.

קומט אויס, דער הגדרה פון א לוח הייסט א לוח וואס רעדט צום מענטשן. די ווערטער וואס שטייט אויף דעם, מ׳קען אויסמעקן און שרייבן אנדערע ווערטער.

ווי האבן אונז עס?

אונז ווייסן ס׳איז דא א פסוק (משלי ג, ג) כתבם על לוח לבך. די הארץ פון א מענטש איז א טאוול. די הארץ פון א מענטש רעדט צום מענשטן. און ידוע וואס דער בעש״ט איז אונז מגלה אז אלע הרהורי תשובה וואס א מענטש האט אין הארץ דאס איז פון דער בת קול יוצאת, ס׳ערוועקט די הארץ צום אויבערשטן.

### שברי לוחות - א צובראכענע הארץ

ס׳איז ידוע, אז די שברי לוחות זענען ארויס מיט אידן אין מלחמה. ווען א איד דארף גיין מלחמה האלטן מיטן יצר הרע, זאגט מען אים ער דארף האבן א שברון לב. לב נשבר ונדכה אלקים לא תבזה (תהלים נא, יט). א מענטש, זאל נישט האבן ח״ו עצבות, אבער שברון לב. ער צובראכט די הארץ

האט ער שברי לוחות, האט ער כח צו לוחם זיין.

### חרות על הלוחות,
### די תורה מיט דער מענטש - איינס

אבער ס'איז נאך דא א טיפערע נקודה, פון דעם ענין פון די לוחות. ידוע אויף א לוח אז מ'שרייבט אויף, אז די אותיות מיטן לוח 2 זאכן. קען עס אויסמעקן, ס'איז נישט איינס מיט דעם. אבער ביי די לוחות האט מען געטראפן אז ס'איז חרות על הלוחות (שמות לב, טז), ס'איז געווען איינגעקריצט, די לוחות אליין האבן גערעדט, נישט א זאך וואס איז צוגעקלעבט צו דעם.

דער הייליגער בעש"ט לערנט אונז אויס אז א איד בעצם דער טוב פונעם מענטש מיט זיין התעוררות, מיט זיין גאנצע נקודת הלב, איז א חלק בלתי נפרד פון מענטשן. די גוט'ס, די נקודה טובה וואס דער מענטש האט איז נישט דער טייטש ער איז איינס, און ס'איז ארויף געשריבן אויף זיין לוח ווערטער, ס'איז חרות איז זיין הארץ.

ממילא קומט אויס, א איד האט א בחינה פון לוחות מיט שברי לוחות אין זיך אליין, אין זיין הארץ איז דא א עניין פון לוחות וואס ס'רעדט צו אים, און ס'איז דא מאלן וואס ער ניצט די נקודה פון שברי לוחות, און יעדן מאל דארף מען וויסן וואס א חלק לוחות ער דארף ניצן. אבער ער דארף דער הויבט זאך אז די אלע התעוררות מיט די אלע נקודות וואס זיין הארץ ערוועקט אים צום באשעפער, איז נישט עפעס א דבר חיצוני. אפילו לאמיר זאגן ער האט געלערנט אין א ספר דער ספר האט אים אויפגעוועקט - האט דער ספר נישט אויפגעוועקט א זאך פון אינדרויסן, ס'האט אויפגעוועקט זיין עצם. ער דארף וויסן אז די לוחות איז ער אליין.

### תורה שבע"פ געשריבן אין די אידן אליין

מ'קען עס אביסאלע מערער ארויסברענגען, ידוע אז דער בית הלוי (פרשת כי תשא) קומט מיט א חידוש, א געוואלדיגער חידוש און א געשמאקער חידוש. זאגט ער, ס'שטייט דאך אז אויף די ערשטע לוחות איז געשטאנען כל התורה כולה, אפילו אלע דרבנן'ס, אלע חידושים, אלס איז געווען געשריבן אויף די לוחות. און שפעטער איז געווארן שברי לוחות, און שפעטער איז געווארן די לוחות שניות איז געשטאנען נאר עשרת הדברות. זאגט ער א מורא'דיגע געדאנק און א לאנגער חידוש, אבער דער נקודה פון דעם חידוש גייט, אונז וויסן אז אונז האבן היינט א ספר תורה מיט א ארון קודש. אין ספר תורה שטייט אלעס, און דעם ארון קודש דאס איז דער חפץ, דער תשמישי קדושה וואס האלט דעם ספר תורה. זאגט ער, ס'איז ידוע פארוואס אין די ערשטע לוחות יא געשטאנען אין די צווייטע לוחות נישט געשטאנען? ווייל ביי די צווייטע לוחות די סיבה וואס ס'שטייט נישט די גאנצע תורה, ווייל ווען די גוים וועלן זאגן פארן אידן איבערשרייבן וועלן נאר איבערשרייבן וואס ס'שטייט. און וואס ס'שטייט נישט וועט מען נישט איבערשרייבן, די גוים זאלן נישט האבן קיין שליטה אויף די תורה. אבער ביי די ערשטע מאל זענען זיי געווען חירות פון די שעבוד מלכויות פון די גוים, האט געקענט שטיין אלעס, ווייל די גוים וואלטן נישט געהייסן עס איבערשרייבן וואלט עס נישט אנגעקומען צו די הענט פון די גוים. דאס איז דער רעיון וואס ער גייט ארום ארום דעם.

זאגט ער, אז למעשה נאך ווען ס'איז געווארן שברי לוחות, איז א וואו איז די תורה שבע"פ? ביי די אידן אליין. אידן אליין זיי זענען די תורה שבע"פ. די מינוט וואס די אידן אליין זענען די תורה שבע"פ איז פארדעם ווען ס'איז געווען די ערשטע לוחות זענען די אידן געווען אזוי ווי די ארון קודש און די לוחות איז געווען די גאנצע תורה. יעצט איז געווארן א מצב אז דער איד אליין איז געווארן די ספר תורה. ווייל ער, דער לוח ליבו איז די עצם תורה , נישט אז ער נעמט אריין א תורה וואס ס'שטייט, ער נעמט אריין צו זיך, ער אליין איז דער תורה שבע"פ איז דער עצם פון דעם איד.

מיט דעם פארשטייט מען בעסער די נקודה וואס מ'האט פריערט גערעדט, אז א מענטש דארף וויסן אז זיין הארץ דאס איז די לוחות. זיין הארץ דאס איז די תורה אליין, ער איז דער עצם פון די תורה, איז איינגעקריצט אין אים, און יעדער התעוררות זאל ער וויסן דאס איז דער אמת פון דעם מענטש, דאס איז דער אמת פון דעם דוד, דאס איז פון דעם שמעון, דער אמת פון דעם ראובן, איז די נקודות וואס ער ווערט נתעורר פון זיין הארץ.

### לעבן מיט די נקודה

דער אויבערשטער זאל העלפן אונז זאלן זיך טאקע נתעורר ווערן און מאמין זיין און לעבן אין די נקודה אז דאס איז אונזער עצם די לוחות איז אונזער עצם.

טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com

**א פרייליכע מעלדונג**

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1